STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06757

GEKLIBENE LIDER

Mordecai Gebirtig

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי געבירטיג

געקליבענע לידער

(מיט נאָטן)

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג אַביגדור שפּריצער
ביים צענטראַל־פאַרבאַנד פון גאַליציאַנער יידן אין ארגענטינע
בוענאָס־איירעס — 1954

GUEKLIBENE LIDER

(CANCIONES SELECTAS)

CON MUSICA

Impreso en la Argentina — Printed in Argentine
Hecho el depósito que marca la Ley

Copyright by Editorial AWIGDOR SPRITZER

Buenos Aires, 1954





פאָרוואָרט צו דער ערשטער אויפלאַגע

מרדכי געבירטיג (בערטיג)

דער פאָלקס־דיכטער און פאָלקס־זינגער

יעדער דור האָט זיינע פאָלקס־זינגער און דיכטער. נישט מער: דאָס רוב דיכטער און זינגער זינגען פאַר זיך אַליין, פאַרן אייגענעם געברויך, צו דער אַרבעט, ביים טיש, דערשטיקן זייער שירה אין די ענגע ד׳ אמות פון שטוב, ברענגען די דיכטונג קיינמאָל נישט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, זייער שירה און דיכטונג אַליין האָט נישט דעם כוח אַרויסצורייסן זיך פון שטוב אין גאַס אַריין. כל־זמן זיי לעבן זינגען זיי, שטאַרבן זיי אָפּ — שטאַרבט מיט זיי אָפּ זייער פאָלקס־דיכטונג און פאָלקס־געזאַנג.

מרדכי געבירטיג איז דער הונדערט־פּראָצענטיקער געבענטשטער פאָלקס־דיכטער און פאָלקס־זינגער, וואָס זינגט, שאַפט און וויינט אויס זיין ליד אין שטוב, און דאָס ליד זיינס פּראַלט אויף טיר און פענצטער און פילט אָן די גאַס מיט שירה, באַזינגט דאָס יידישע אייגנאַרטיקע לעבן, די יידישע ליבע, דאָס יידישע פאַמיליען־לעבן, מאַמע און קינד, יידישע נויט און אָרעמקייט, מאָלט עס מיט אַזעלכע וואַרעמע, עכטע נישט־געפעלשטע פאָלקס־פאַרבן, וואָס נאָר אַזאַ פיינע, ערלעך־פילנדיקע פאָלקס־נשמה ווי מרדכי געבירטיג קאָן די דאָזיקע פאַרבן און טענער שאַפן. געוועזן אַ צייט, און ערשט נישט לאַנג, ווען דאָס יידישע קרישטאָל־ריינע פאָלקס־ליד האָט זיך געלאָזט הערן אין גאַס, די יידישע לירישע טענער פון וואָלינער זינגער, אָדעסער גאַסן־לידל, יידיש־ליטווישער מעלאַנכאָלישער טאָן, פּוילישע שטייגער־לידער, חסידישע און השכלהשע מאָטיוון.

איצט, ווען דער פּוסטער ריטם און דער געבראָכענער פרעמדער נעגער־טאָן פון פאָקס און טאַנגאָ האָבן באַהערשט די גאַס, זענען די אַלע פאַרשטיקטע זינגערישע און פאָלקס־דיכטערישע נשמות פאַרקערפּערט געוואָרן אין מרדכי געבירטיג, — דער איינציקער פאָלקסטימלעכער קאָמפּאָניסט אויף דער יידישער גאַס אין פוילן.

מרדכי געבירטיג איז אַ גאָטס-געבענטשטער פאָלקס-דיכטער און זינגער, וואָס נייטיקט זיך נישט אין פירסום. דאָס ליד זיינס אליין האָט פאַר אים דעם וועג פון פאָלקס-אָנערקענונג אויסגעשפּרייט. דאָס ליד וואָס איז געוואָרן דער רוח-החיה אין די יידישע טעאַטער-שטיק אין אייראָפּע און אין אַמעריקע און אין אַלע קליינקונסט-טעאַטערן און קאָנצערטן. ווו נאָר אַ יידישער ישוב איז דאָ, האָט שוין אַהין געבירטיגס ליד דערגרייכט — דאָס פאָלקסטימלעכע ליד וואָס איז אַזוי פיין-האַרציק אידיליש געמאָלט, אַז אויב עס פאַרבלאָנ-דזשעט אין דעם אַן אָפּקלאַנג פון אַ פרעמדן טאָן, דער איינפלוס פון דער סלאַווישער סביבה ווו געבירטיגס נשמה האָט גאָטס לופט געאָטעמט — ווערט דאָס פאַרבלאָנדזשעט-פרעמדע בטל אין דעם גלאַנץ און פאַרב פון דער וואַרעמער אידיליע און בילד, וועלכע שטייגט אָפּט אין ליד אַריבער אין קראַפט דעם ניגון.

דער סימן פון אמתער יידישער פאָלקס-דיכטונג איז: דער קלעם ביים האַרצן...

געבירטיגס אַ ליד קלעמט דאָס האַרץ, וואַרעמט און פילט אָן די יידישע נשמה מיט זיסער מעלאַנכאָליע און פריידיקן ציטער. נישט פון רייכן סאַלאָן זינגט מרדכי געבירטיג, נאָר פון די פיר הוילע ווענט פון דער יידישער שטוב און פון יידישן בעל-מלאכה. פיר הוילע ווענט פון חדר, פיר הוילע ווענט פון שטוב, און אפילו דאָס איינשלעפערן פון דער מאַמען מיט אַ לידעלע דאָס קינד קומט אויך פאַר ביי נאַקעטע, אָרעמע פיר ווענט.

געבירטיגס ליד איז דאָס ליד פון נויט. אַ מאָרים ראָזענפעלד-טאָן קלאַפּט אָפּט אין די סטרונעס פון זיין האַרפע, און צעלאָזט ער זיך אַמאָל אין אַ פריי-לעכן טעמפּאָ און ריטם פון פריילעכקייט און זוניקייט, וועבט זיך אין דער דאָזיקער פריידיקייט אויך מער זילבער-פאָדעם פון אומעט, ווי גאָלד-פאָדעם פון פרייד...

און נאָך אַ סימן פון עכטער נישט-געפעלשטער פאָלקס-דיכטונג און פאָלקס-געזאַנג: וואָס מער מען הערט עס, אַלץ מער באַגייסטערט עס, וואַ-רעמט און ווירקט.

דאָס איז אויך דער כוח און סוד פון מרדכי געבירטיגס דיכטונג און גע-זאַנג, וואָס איז שוין געוואָרן די דיכטונג און געזאַנג פון גאַנצן פאָלק.

מ. קיפּניס

און ס'איז געווען אַ ייד אַ פּשוטער...

און ס'איז געווען אַ ייד אַ פּשוטער, אַ יגיע־כּפּימניק, אַ סטאָליער. און זיין נאָמען — מ ר ד כ י ג ע ב י ר ט י ג.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער געאַרבעט ביי שׁ ט ו מ ע זאַכן: ביים מאַכן אַ טיש, אַ בעט, אַ שאַנק, נאָר א י ן א י ם האָט עס ג ע ז ו נ ג ע ן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער מיט אַ האַרטער האַנט, אַ פאַרמאָזאָליעטער, געזעגט, געהובליעוועט און געפּוצט די ברעטער, נאָר אַז עס איז געקומען דער אָוונט. האָט ער גענומען זעגן, הובליעווען און פּוצן די יידישע שפּראַך און פון איר אויסגעפאַרעמט וווּנדערלעכע, האַרציקע לידער.

נאָר ווען די שכנטעס זיינע האָבן אַמאָל געהערט, ווי ער פאַרוויגט זיינעם אַ קינד מיט די לידער: „קיוועלע", „יאַנקעלע" צי „שלאָף מיין קינד", האָבן זיי גלייך גענומען אויך ז יי ע ר ע קינדער פאַרוויגן מיט די לידער, און וואָס פאַר אַ ווונדער: די קינדער אין די וויגן האָבן אויפגעהערט וויינען, זיך צוגעהערט, פאַרמאַכט די אייגעלעך און זיך איינגעשלאָפן.

ער פלעגט די לידער שרייבן און זינגען פאַר זיך, און ווען עס האָבן די יידישע קינדער פון די שולן און חדרים דערהערט אים זינגען די לידער: „מיין טאַטע איז אַ כּוהן", „מאָטעלע", „משהלע" א. אַ. זענען זיי געבליבן שטיין פאַרגאַפט:

— איי, דאָס זינגט ער דאָך וועגן אונדז, דאָס זענען דאָך א ו נ ד ז ע ר ע לידער!

און אַז די בלייכע נייטאָרין, צי דער שניידער־געזעל האָבן געהערט גע־בירטיגן זינגען: „שלמה ליבער", „חנהלע און נחומל", „מאַמעניו אַן עצה" א. אַ. האָבן זיי זיך צוגעזונגען די לידער ביי דער אַרבעט, האָבן זיי נאָך דער אַרבעט, אין פאַריין — די לידער געזונגען און געחלומט פון אַ פרייער און יושרדיקער וועלט.

און אויך דער אַלטער געבויגענער ייד מיט דער גרויער באָרד, ווען ער איז געזעסן אין גאָרטן אויף אַ באַנק און „געשעפּט לופט", אויך ער, ווען ער האָט געזען ווי די קינדער שפּילן זיך אין זאַמד, ווי זיי לויפן אַרום און שרייען, לאַכן — האָט שטיל געברומט מיט בענקשאַפט:

„קינדער־יאָרן, זיסע שיינע יאָרן,
אייביק בלייבט איר וואַך אין מיין זכרון".

און אַזוי האָבן טויזנטער און צענער־טויזנטער יידן פאַרזוויגט זייערע קינדער, געאַרבעט, געליטן, געבענקט, געליבט, געחלומט דורך מרדכי געבירטיגס לידער. פאַר אַלע האָט ער געפונען אַ שפּראַך. אויף אַן אינטעליגענט האָבן געווירקט די לידער ווי אמתע דיכטונג און אַ פאָלקס־מענטש האָט זיך דורך זיי ווי אַליין אַראָפּגערעדט פון הארצן.

און ווען עס זענען געקומען די פּאַגראָמען פון פּשיטיק און מינסק־מאַזאָוויעצק, האָט ג ע ב י ר ט י ג אויסגעשריגן: „ס'ברענט!". ער האָט שוין נביאיש פאָרויסגעזען אין די פייערן, וואָס מען האָט אָנגעצונדן אין די קליינע יידישע שטעטלעך — דאָס פייער פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס אין אוישוויץ, מיידאַנעק און טרעבלינקע.

ער איז געווען דער לעצטער יידישער פאָלקס־דיכטער אין פּוילן. מיט די „בראָדער זינגער" האָט גאַליציע אָנגעהויבן שאַפן דאָס יידישע פאָלקסליד, מיט מרדכי געבירטיג האָט זי עס פאַרענדיקט. נאָר געבירטיגס נאָמען איז ווייטער אַוועק פון די גרענעצן פון זיין גאַליצישן היימלאַנד. מען האָט געזונגען זיינע לידער אין גאַנץ פּוילן. די פילע אויסגאַבעס פון זיינע לידער־ביכער אין אַמעריקע באַווייזן, אַז זיין ליד איז געוואָרן דער קנין פון גאַנצן יידישן פאָלק אויף דער וועלט.

מען האָט אויפגעשטעלט אַ ישוב אין ישראל א. ד. נ. „יד מרדכי", נאָך דעם העלדישן ק ע מ פ ע ר פון פּוילישן יידנטום מ ר ד כ י א נ י ע ל ע ו ו י ט ש, עס וואָלט אויך כדאי געווען אויפצושטעלן אַ צווייטן „יד מרדכי" — נאָך מ ר ד כ י ג ע ב י ר ט י ג, דעם זינגער פון דער יידישער אומגעקומענער מאַסע פון פּוילן.

י ש ר א ל אַ ש ע נ ד אָ ר ף

1טע אָפּטיילונג

יאנקעלע

(וויג-ליד)

Allegretto



שלאָף-זשע מיר שוין, יאַנקעלע, מיין שיינער,
די אייגעלעך, די שוואַרצינקע מאַך צו,
א יינגעלע, וואָס האָט שוין אַלע ציינדלעך, } (בים)
מוז נאָך די מאַמע זינגען איי-ליו-ליו? }

א יינגעלע, וואָס האָט שוין אַלע ציינדלעך,
און וועט מיט מזל באַלד אין חדר גיין,
און לערנען וועט ער חומש און גמרא, } (בים)
זאָל וויינען ווען די מאַמע וויגט אים איין? }

א יינגעלע, וואָס לערנען וועט גמרא,
אָט שטייט דער טאַטע, קוועלט און הערט זיך צו,
א יינגעלע, וואָס וואַקסט אַ תלמיד-חכם, } (בים)
לאָזט גאַנצע נעכט דער מאַמען נישט צורו? }

אַ ייִנגעלע, וואָס וואַקסט אַ תּלמיד־חכם,
און אַ געניטעטר סוחר אויך צוגלייך,
אַ ייִנגעלע, אַ קלוגער חתן־בחור, }
זאָל ליגן אַזוי נאַס ווי אין אַ טייך? } (בים)

נו, שלאָף־זשע מיר, מיין קלוגער חתן־בחור,
דערווייל ליגסטו אין וויגעלע ביי מיר.
ס'וועט קאָסטן נאָך פיל מי און מאַמעס טרערן }
ביזוואַנען ס'וועט אַ מענטש אַרויס פון דיר. } (בים)

שלאף שוין, מײַן קינד

(וויגן-ליד)



נו שלאָף שוין, מיין קינד, מיין יינגעלע קליינס,
די אייגעלעך דיינע מאַך צו —
די מאַמע וועט קויפן אַ פערדל אַ שיינס,
נאָר שלאָף-זשע מיר — איי-ליו ליו-ליו. (בים)

אַ פערדל אַ שיינס, ס'וועט קאָסטן פיל געלט,
אַ וועגעלע אויך, אויף מיין וואָרט.
(בים) { דו וועסט קאָנען פאָרן אַרום אין דער וועלט,
אויפזוכן דיין טאַטעשי דאָרט.

דיין טאַטע, מיין קינד, איז לאַנג שוין אַוועק,
אַ בריוול געשריבן, נישט מער.
(בים) { געפינסטו אים דאָרטן, דאַן פרעג אים, אוי פרעג,
צי ליבט ער דיין מאַמען נישט מער.

צי האָט ער פאַרגעסן זיין ווייב און זיין קינד,
אַ צווייטע פאַרטרעט דאָרט מיין אָרט.
(בים) { צי אפשר חלילה, אוי ווי מיר און ווינד,
געשטאָרבן דער טאַטעשי דאָרט.

איי-ליו-ליו — שלאָף, מיין יינגעלע קליינס,
אַ יתומל נעבעך ביסטו.
(בים) { איך וועל דיך לערנען אַ קדישל אַ שיינס,
שלאָף-זשע מיר — איי-ליו ליו-ליו.

הונגעריק דײַן קעצעלע

Moderato



שלאָף שוין, מײַן הונגעריק מײדעלע,
מאַך שוין די אײגעלעך צו,
הונגעריק איז אויך דײַן מאַמעלע,
און װײנט נישט און שרײַט נישט װי דו.
לערן זיך, קינד, פֿון דײַן מאַמעלע,
נעם אַלץ װי זי נעמט פֿאַר ליב,
מאָרגן ס׳װעט אױפֿשטײן מײַן מײדעלע,
װעט זײַן אַ סך ברױט אין שטוב —
איי ליו ליו, איי ליו ליו ליו.

שלאָף שוין, מיין נאַריש קליין מיידעלע,
וואָס איז היינט עפּעס מיט דיר?
הונגעריק איז אויך דיין קעצעלע
און ס׳האָט גאָר קיין טענות צו מיר,
הער, ווי עס מיאַוקעט, עס רעדט צו דיר:

— מיידל, לאָז מאַמען צורו!
הונגעריק איך אויך, קליין קעצעלע,
און כ׳וויין נישט אַזוי ווי דו —
איי ליו ליו, איי ליו ליו ליו,
שלאָף שוין, מיין קרוינעניו!

שלאָף שוין, מיין אָרעם קליין מיידעלע,
ווייל דער שלאָף לינדערט די נויט,
הונגעריק איז אויך דיין ליאַלקעלע
און וויינט נישט און מאָנט נישט קיין ברויט.
לערן זיך, קינד, פון דיין ליאַלקעלע,
ווייסט וואָס זי טראַכט אַצינד?
— אוי, ווי באַטריבט איז אַ מאַמעלע,
ווען הונגעריק איז איר קינד —
איי ליו ליו, איי ליו ליו ליו,
שלאָף שוין, מיין קרוינעניו.

מאטעלע

(ו ר ע ט)



וואס וועט דער סוף זיין, מאטל, זאג-זשע מיר?
ביסט ערגער נאך פון פריער געווארן,
באקלאגט האט זיך דער רבי היינט אויף דיר,
אז דו דערגייסט אים זיינע יארן.
ס'איז נישט גענוג דו ווילסט נישט לערנען גאר,
דעם רבין נעבעך טוסט דערצערנען,
שלאגסט זיך ארום און שפילסט זיך נאר,
און שטערסט די קינדערלעך דאס לערנען?

— נישט אמת, טאַטע, וואָס דער רבי זאָגט,
אַ שלעכטער מענטש, נישטאָ זיין גלייכן,
פאַרוואָס דערציילט ער נישט, ווי ער אונדז שלאָגט,
זע, טאַטעניו, דעם בלאָען צייכן.
כ׳האָב מיט אברהמלען זיך צעווערטלט בלויז,
ער האָט מיין חומשל צעריסן,
דערפאַר האָט אונדז דער רבי אויף זיין שוים
נאָך מיט אַ ניגונדל געשמיסן.

— וואָס וועט דער סוף זיין, מאָטל? ענטפער דרויף:
די שכנים זאָגן, כ׳מוז זיי גלויבן,
דו יאָגסט זיך גאַנצע טעג אַרום אין הויף,
און חברסט זיך מיט יאַנעקס טויבן, —
צי איז דאָס שיין פאַר יידן, זאָג אַליין,
מיט טויבן זיך אַרום צו יאָגן?
האָסט נעכטן, מאָטל, ווידער מיט אַ שטיין
דעם שכנס שויבן אויסגעשלאָגן?

— נישט אמת, טאַטע, ס׳איז נאָר קוים אַרויס
אַ שטיקל שויב, מען קען׳ס צוקלעבן.
איך יאָג זיך נישט, איך קוק זיך צו נאָר בלויז,
ווי שיין די טייבעלעך זיך שוועבן,
ווי פריי זיי שפּרינגען זיך אַרום אין הויף,
ווי שיין די קערנדלעך זיי פּיקן,
ווי שנעל זיי גיבן זיך אַ לאָז אַרויף,
ווען זיי אַ פרעמדע טויב דערבליקן.

— וואָס וועט דער סוף זיין, מאָטל, כ׳פרעג דיך נאָר?
אַ גרויסער יונג, קיין עין־הרע.
ווען איך בין אַלט געווען דרייצן יאָר,
געקענט ווי וואַסער די גמרא,
אַ ייד מוז לערנען תורה מיט גרויס פרייד,
נישט האָבן נאַרישקייט אין זינען —
אַז וויל דעם מענטש, וואָס איז צו גאָט, צו לייט,
וואָס קען גוט לערנען און געלט פאַרדינען.

— דער זיידע האָט אַמאָל דערציילט פון דיר,
פלעגסט אויך נאָך טייבעלעך זיך יאָגן,
ביסט אויך פיל בעסער נישט געווען פון מיר,
דיין רבי האָט דיך אויך געשלאָגן,
היינט קענסטו לערנען און האָסט געלט דערצו,
האָב, טאַטעניו, פאַר מיר קיין מורא,
ווען איך וועל ווערן גרויס, וועל איך, ווי דו,
פאַרדינען געלט און לערנען תורה.

מײן טאטע א כוהן



כ'האָב פּאַר דיר, מיין העלד, קיין מורא,
שלאָג מיך נאָר, פּרוביר!
קוים דערזוויסט זיך דאָס מיין טאַטע
איז דאַן ווי צו דיר. (בים)

ווייל מיין טאַטע איז אַ כּוהן,
ס'איז מיט אים קיין שפּאַס:
ער צערייסן קען אַ מענטשן,
ווען ער ווערט אין כּעס. (בים)

איין מאָל האָט אין הויף אַברהמל
מיר דערלאַנגט אַ שטויס,
און מיין טאַטע, רויט פון צאָרן,
איז צו אים אַרויס. (בים)

נאָר אַ מזל האָט אַברהמל —
גראַד דעם אויגן-בליק
שטאַרבט אַוועק זיין קראַנקער טאַטע,
אוי, האָט ער אַ גליק! (בים)

ווייל אַ כּוהן מוז פאַרלאָזן
ס׳הויז ווו ס׳ליגט אַ מת —
שלאָג מיך נאָר; דו מיינסט, אַז תּמיד
טרעפט זיך אַזאַ נס? (בּיס)

משהלע

(ורעט)



— משהלע, ביסט עפּעס מיר אַזוי פאַרסאַפּעט —
ווער האָט דיר דאָס הענטעלע אַזוי צעדראַפּעט?
האָסט געשלאָגן זיך אין פעלד,
ס׳נעזל איז דיר אויך צעקרעלט, (בים)
ס׳בלוט נאָך קאַפּעט.

— טאַטעניו, דאָס האָב איך זיך אין הויף ביים רבין,
פאַרריכטנדיק די הייזעלעך, אַ שטאָך געגעבן;
נישט געשלאָגן זיך אין פעלד —
מיט דער נאָדל זיך צעקרעלט, (בים)
כ׳זאָל אַזוי לעבן!

— משהלע, וואָס איז געשען? איך מוז דאָס וויסן —
ווער האָט דיר די הייזעלעך אַזוי צעריסן?
עפּעס ביסטו מיר פאַרוויינט —
אפשר האָט דער רבי היינט
דיך געשמיסן? (בים)

— טאַטעניו, דער רבי האָט מיך נישט געשמיסן,
מיינע הייזלעך ווייס איך נישט ווער ס'האָט צעריסן.
מיר געזאָגט האָט מאַמעלע,
ער האָט זיך ס'קאַפּאָטעלע
אויך צעריסן. (בים)

— משהלע, דעם אויגן-בליק אַהער צום טאַטן!
דו האָסט זיך, מיין יינגעלע, אַליין פאַרראַטן.
דיר געזאָגט שוין ס'איז נישט פיין
מאַטל זאָל דיין חבר זיין,
גענאַרסט דעם טאַטן. (בים)

— טאַטעניו, כ'האָב נישט געוואָלט מיט אים זיך שפּילן,
נו האָט ער געגעבן מיר זיין זיידנס ברילן,
אים דערפאַר האָב איך געשענקט
ס'פידעלע, וואָס ד'האָסט געברענגט,
כ'זאָל ד'רויף שפּילן. (בים)

— משהלע, ביסט אומפאַרשעמט, דו ווייסט דאָס פילן,
כ'וויל דו זאָלסט מיט מאַטעלען זיך מער נישט שפּילן,
ס'פידעלע דעם אויגן-בליק
ברענגען זאָלסטו מיר צוריק,
גיב אָפּ די ברילן. (בים)

— טאַטעניו, כ'האָב'ס צ'ריק געוואָלט, ער וויל נישט וויסן,
האָבן מיך זיך ביידע היינט צעקרעלט, צעביסן.
מיין הויז צעפליקט האָט מאַטעלע
און איך האָב אים ס'קאַפּאָטעלע
אויך צעריסן. (בים)

קיוועלע

(ורנ· פרדל)



שלאָף, מיין נשמהלע, מיין טייער קיוועלע,
איי־ליו ליו־ליו ליו, שלאָף־זשע מיר,
ס'איז פונעם טאַטעניו געקומען אַ בריוועלע —
טויזנט זיסע קושן שיקט ער דיר,
ס'איז פונעם טאַטעניו געקומען אַ בריוועלע —
נאָר ווייל דו וויינסט און שלאָפסט נישט איין,
שרייב איך צום טאַטעניו, אַז שלעכט איז זיין קיוועלע,
כ'גיב די זיסע קושן דיר נישט, ניין.

שלאָף, מיין נחמהלע, מיין טייער קיוועלע,
שאַ, שטיל, אוי וואָס איז היינט מיט דיר?
ס'איז פונעם טאַטעניו געקומען אַ בריוועלע —
ער נעמט אונדז אַריבער, שרייבט ער מיר;
ס'איז פונעם טאַטעניו געקומען אַ בריוועלע —
נאָר ווען דו וועסט נישט רואיק זיין,
פאָרט מיט מיר משהלע און לאהלע און ריוועלע,
דיך לאָז איך דאָ איבער גאַנץ אליין.

שלאָף מיר, מיין קדישל, מיין טייער קיוועלע,
פלאָג נישט און קוויל מיך נישט אומזיסט.
כ'האָב צו דעם טאַטעניו געשריבן אַ בריוועלע,
אים דערציילט ווי שיין, ווי שלעכט דו ביסט,
כ'האָב צו דעם טאַטעניו געשריבן אַ בריוועלע —
נאָר ווען דו שלאָפן וועסט אַצינד,
פאָרט צו דעם טאַטעניו מיט אונדז אויך מיין קיוועלע,
קריגסט די זיסע קושן אויך, מיין קינד.

אברהמעלע און יאָסעלע



אברהמעלע, גיב נאָר אַ קוק,
(בים) די זון, ווי שיין זי שיינט!
ווי אַלץ אין פעלד שוין וואַקסט און בליט,
כ'האָב עפּעס זייער קיין חשק ניט
צו גיין אין חדר היינט —
די זון ווי שיין זי שיינט.

— אוי, יאָסעלע, ווי כ'בין אַ ייד!
(בים) איך טראַכט דאָס אויך אַצינד,
ווי פרייליך איז דאָ איצט, ווי שיין,
עס ווילט זיך נישט אין חדר גיין,
נאָר ווייסט, דאָס איז אַ זינד,
איך טראַכט דאָס אויך אַצינד.

אבּרהמעלע, דו זעסט אין פעלד
(בּים) אַ בּין פליט שוין אַרום?
און דאָרט שטייט אויף אַ צווייגעלע
אַ גאָלדן זומער-פייגעלע.
אבּרהמל, גיכער קום!
אַ בּין פליט שוין אַרום.

כ׳זע, יאָסעלע, ווי כ׳בּין אַ ייד,
(בּים) נאָר ווארט נאָך איין מינוט,
דאָס פייגעלע איז טאַקע שיין,
נאָר וואָס וועט אָבער מאָרגן זיין,
דעם רבּין קענסטו גוט...
אוי, ווארט נאָך איין מינוט.

— אבּרהמעלע, אוי, נארעלע,
(בּים) פאַר מאָרגן זאָרג זיך ניט
תּירוצים איז פאראַן גענוג,
מען דאַרף נאָר זיין אַ בּיסל קלוג —
זע, ס׳פייגעלע איצט פליט!
פאַר מאָרגן זאָרג זיך ניט.

— אוי, יאָסעלע, איך וואָרן דיך
(בּים) נישט גיין, ווי כ׳בּין אַ ייד.
דאָס האָט דער שטן דאָרט אין פעלד
זיך אין אַ פייגעלע פארשטעלט,
דאָס שלעפּט ער אונדז און ציט —
נישט גיי, ווי כ׳בּין אַ ייד.

— אבּרהמעלע, דו גייסט אַוועק?
(בּים) נו גיי, איך בּלייב אַליין,
נאָר זאָגסטו אוים אַ וואָרט פון מיר,
בּיי מיין נאמנות שווער איך דיר,
צעבּרעך איך דיר אַ בּיין,
נו, גיי, איך בּלייב אַליין.

קאַרטאָפּל-זופּ מיט שוואָמען

Allegretto



וואָס האָבן מיר צו מיטאָג היינט? —
פרעגט יאָסעלע דער מאַמען, —
מיר ווילט זיך עסן, מאַמעניו,
קאַרטאָפל־זופּ מיט שוואָמען,
—געהערט אַ חוצפּה, ס'ווילט זיך אים
קאַרטאָפל־זופּ מיט שוואָמען,
כ'האָב היינט געקאָכט אַ קנאָבל־זופּ,
וועסט אָסור זיך נישט סמען.

(רעפרען) קאַרטאָפל־זופּ וויל יאָסעלע,
און די עלטסטע טאָכטער סאָסעלע
גבירישע מאַכלימלעך האָט ליב,
נו גיב זיי פיינע שפּייזעלעך,
ווי אין יענע רייכע הייזעלעך.
אַז קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, אַז קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב.

וואָס האָבן מיר צו מיטאָג היינט? —
אריין אין שטוב קומט סאָסל —
מיר ווילט זיך עסן, מאַמעניו,
אוי, פערפעלעך מיט ראָסל!
— געהערט אַ חוצפּה, פערפעלעך
מיט ראָסל ווי מאַגנאַטן,
כ'האָב היינט געקאָכט אַ קנאָבל־זופּ,
ס'וועט אָסור דיר נישט שאַטן,

(רעפרען) קאַרטאָפל־זופּ וויל יאָסעלע,
פערפעלעך מיט ראָסל סאָסעלע,
קנאָבל־זופּקעס האָבן זיי נישט ליב,
און חיהלע ס'מוזיניקל —
דאָס איז גאָר אַ מין מפוניקל,
און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב.

— וואָס האָבן מיר צו מיטאָג היינט? —
אריין אין שטוב קומט חיה —
כ'וויל באָבעלעך מיט קלוסקעלעך
מיר שמעקט דאָס א מחיה!
— געהערט אַ חוצפּה, באָבעלעך
מיט קלוסקעס איר גאָר שמעקן,
כ'האָב היינט געקאָכט אַ קנאָבל־זופּ,
וועסט אָסור זיך נישט קרעקן.

(רעפרען) קאַרטאָפּל־זופּ וויל יאָסעלע,
פּערפּעלעך מיט ראָסל סאָסעלע,
יהלע שרייט: מאַמעניו, מיר גיב,
אוי, באָבעלעך מיט קלוסקעלעך,
שלינג רינט פון זייערע פּיסקעלעך,
און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב.

וואָס טוט זיך דאָ? — פרעגט ס'מאַנעלע,
דערזעענדיק מיך ביזלעך, —
וואָס זיצט איר אַזוי ברוגזלעך,
אַראָפּגעלאָזט די נעזלעך.
— געהערט אַ חוצפּה, אָך און וויי,
פּרנסה־געבער מיינער!
געקאָכט אַ פיינע קנאָבל־זופּ
און עסן וויל נישט קיינער.

(רעפרען) קאַרטאָפּל־זופּ וויל יאָסעלע,
פּערפּעלעך מיט ראָסל סאָסעלע,
באָבעלעך מיט קלוסקעס איר נאָר גיב,
נו, קאָך זיי פיינע שפּייזעלעך,
ווי אין יענע רייכע הייזעלעך,
אַז קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, קנאָבל־זופּ האָט אויך מיין מאַן נישט ליב.

ווער דער ערשטער וועט לאכן



כ׳וועל זיכער, אברהמל, דער ערשטער נישט לאַכן,
איך וועט זיך, מעגסט ווי נאָך זיך וויצלען,
(בים) כ׳וועל נעמען אין זינען מיר טרויעריקע זאַכן,
נו, מעגסטו אפילו מיך קיצלען.
— וועסט לאַכן, איך וועט זיך,
וועסט, שלמהלע, שוין לאַכן,
איך האָב אַ מיטל גאָר אַ ווילע זאַך —
(בים) מעגסט האָבן זיך אין זינען
די טרויעריקסטע זאַכן,
וועט מוזן זיין ביי דיר דער ערשטער לאַך.

דאָס ערשטע, אברהמל, נעם איך מיר אין זינען
מיין אָרעמען טאַטן דעם שוואַכן,
(בים) וואָס זוכט אַרום אַרבעט און קען נישט געפינען,
נו, וועט זיך מיר גלוסטן צו לאַכן?
— וועסט לאַכן, איך וועט זיך,
וועסט שלמהלע, פאַרשפּילן,
איך האָב אַ מיטל גאָר אַ ווילע זאַך:
(בים) כ׳וועל מיאוקען ווי אַ קעצל
און ווי אַ הינטל בילן,
וועט מוזן זיין ביי דיר דער ערשטער לאַך.

— איך וועל זיך דערמאָנען, כ׳האָב נעכטן אין חדר
די סדרה וואָס גייט היינט פאַרגעסן,
(בים) דער רבי, ער וויל נאָר כ׳זאָל לערנען כסדר,
ער ווייסט נישט ווי מיר ווילט זיך עסן.
— וועסט לאַכן, איך וועט זיך,
וועסט נישט זיין אַזאַ שלעכטער,
שטעל איין אַ קנעפּל, כ׳שטעל אָקעגן פיר,
(בים) וועסט האַלטן זיך די זייטן
און קייכן פון געלעכטער,
דערזעענדיק וואָס איך האָב דאָ ביי מיר.

— און כ'וועל זיך דערמאָנען דעם רבינס צאָרנדיק פּנים,
ווען ר'האָט מיך גענומען פאַרהערן,
(ביס) נאָך האָב איך פון קאַנטשיק פיל בלאָע סימנים,
געוויינט פון יסורים מיט טרערן.
— ווערסט לאַכן, וועסט לאַכן,
אָהער גיב שוין דאָס קנעפּל,
זע, שלמהלע, וואָס איך האָב דאָ פאַר דיר!
אַ זעמעלע מיט פּוטער,
און הערינג אַ פיין קעפּל,
אָנו, זאָג, שלומקע, ווער וועט לאַכן פריער?
— אַ זעמעלע מיט פּוטער
און הערינג אַ פיין קעפּל,
כ'וועל מאָרגן ווידער וועטן זיך מיט דיר.

א מלאך ווערט געבוירן

Andantino



איז דאָס אמת, מאַמעניו,
דער זיידע האָט געשוווירן —
פון יעדן קדיש וואָס איך זאָג
א מלאך ווערט געבוירן
און מיט די מלאכימלעך
דער טאַטע טוט באַפעלן?
אוי, מאַמע, כ'וועל קיין איינציק מאָל
קיין קדיש נישט פאַרפעלן.

איז דאָס אמת, מאַמעניו,
געהערט דאָס פון דעם זיידן:
ס׳באַדינען די מלאָכימלעך
דעם טאַטן אין גן־עדן,
און דער טאַטע קוועלט פון זיי,
ווי ער פון מיר פלעגט קוועלן?
אוי, מאַמע, כ׳וועל קיין אײנציק מאָל
קיין קדיש נישט פאַרפעלן.

2טע אָפּטיילונג

העי, ציגעלעך



העי, ציגעלעך, קומט אהער צו מיר געשווינד,
אַ שיין לידעלע וועל איך אויפזינגען אייך אַצינד,
פון אַ פּאַסטעכל הייבט דאָס לידעלע זיך אָן
און אַ מיידעלע וואָס האָט כישוף אים געטאָן. (בים)

העי, ציגעלעך, הערט וואָס ווייטער איז געשען:
לוסטיק, לעבעדיק איז אַמאָל ס׳פּאַסטעכל געווען,
היינט ווי אומעטיק, קוקט די שעפּעלעך נישט אָן,
בענקט נאָכן מיידעלע וואָס האָט כישוף אים געטאָן. (בים)

העי, ציגעלעך, הערט פון לידעלע דעם סוף:
ווי יתומימלעך בלאָנדזשען איצט זיינע בידנע שאָף,
טיף אין טייכעלע ליגט דאָס פּאַסטעכל נאָך היינט
און דאָס מיידעלע זיצט ביים וואַסערל און וויינט. (בים)

כ'וויל נישט אזא חתן

Allegretto



ברענגט דער שדכן מיר אַ שידוך,
(בים) קוועלן פון אים אַלע,
הייסט דער חתן גאָר בנימין,
מיר געפעלט נישט אַזא נאָמען,
כ'וויל נישט זיין זיין כלה,
אוי, כ'וויל נישט זיין זיין כלה.

(רעפרען) אוי וויי, מאַמעניו!
פאַרוואָס גיסטו מיר קיין רו,
כ'וויל נישט נעמען

אבי ווען,
טייערע מאַמעניו,
אוי, טייערע מאַמעניו!

ברענגט דער שדכן מיר אַ שידוך,
(בים) תנאים שוין באַשלאָסן,
הייסט ער יאַנקל נאָך זיין זיידן,
כ'קען דעם נאָמען אויך נישט ליידן,
כ'וויל נישט אַזאַ חתן,
אוי, כ'וויל נישט אַזאַ חתן,

(רעפרען) אוי וויי, מאַמעניו אאַז"וו.

ברענגט דער שדכן מיר אַ חתן,
(בים) זאָגט ר'איז גאָר אַ שררה,
הייסט ער נעבעך שלמה-זישע,
רעדט נאָר יידיש, פע, אַ בושה!
כ'וויל נישט אַזאַ צרה,
אוי, כ'וויל נישט אַזאַ צרה,

(רעפרען) אוי וויי, מאַמעניו אאַז"וו.

ברענגט דער שדכן מיר אַ חתן,
(בים) אַן אויסנאַם פון אַלע,
הייסט ער וולאַדעק, נאָר אַ צרה --
וולאַדעקס מאַמע הייסט אויך שׂרה
פונקט ווי איך זיין כלה —
אוי, וויל זי נישט די כלה.

(רעפרען) אוי וויי, מאַמעניו,
שיקט שוין גאָט מיר איינעם צו,
טרעפט אַ צרה,
היים איך שׂרה,
וויי מיר, מאַמעניו,
אוי, טייערע מאַמעניו.

בײַם טײַכעלע



ליג איך מיר בײַם טײַכעלע,
אײַנזאַם און פֿאַרטראַכט,
וואַקסט באַלד אויס אַ מײדעלע,
קוקט אויף מיר און לאַכט.
וואָס באַגערסטו, מײדעלע
שײנינקע, פֿון מיר?
— באָדן זיך אין טײַכעלע } (בים)
שעם איך זיך פֿאַר דיר.

— שעם זיך נישט, שײן מײדעלע.
מעגסט אין טײַך אַרײַן,

כ׳שוועך ביין מיין נאמנות דיר,
כ׳וועל נישט קוקן, ניין!
— כ׳גלייב דיר נישט, מיין ייִנגעלע,
שווערן איז קיין קונץ,
(בים) } איר שווערט אָפּט, מיר גלייבן אייך,
דאַן גענאַרט איר אונדז.

— ווען דו גלייבסט מיין שבועה נישט,
מיינסט, איך בין ווי זיי,
בינד איך מיר די אויגן צו
פעסט מיט קניפּלעך צוויי.
— קוקסטו אָבער, ייִנגעלע,
כ׳וואָרן דיך אַצינד,
(בים) } ווערסטו אויף אַן אמתן
הייזעריק און בלינד.

ליג איך מיר ביים טייכעלע,
זע איך נישט קיין שיין,
הער איך ווי דאָס מיידעלע
שפּרינגט אין טייך אַריין,
הער איך ווי זי לאַכט און זינגט,
ס׳הערט זיך ווייט איר שטים:
(בים) } — אָ, ווען דו וואָלסט, ייִנגעלע,
זען ווי פיין איך שווים.

הער איך ווי זי לאַכט און זינגט:
— קוק נישט, ווערסט באַלד בלינד,
אוי, ווי היים איז, ייִנגעלע,
ס׳וואַסערל אַצינד.
— קום אַרויס שוין, מיידעלע,
כ׳האַלט שוין מער נישט אויס.
(בים) } — קוק נישט, קוק נישט, ייִנגעלע,
כ׳גיי פון טייך אַרויס.

אזעלכע צוויי גאָלדענע צעפּ



כ׳בין,ביילקע, פאַרצייאונג דיך בעטן געקומען,
כ׳בין שרעקלעך אין צאָרן געווען —
כ׳האָב שיר וואָס נישט נעכטן אַ האַרצשלאַג באַקומען, } (ביס)
ווען כ׳האָב אָן די צעפּ דיך דערזען.

און דאָך וויל איך, ביילקע, דו זאָלסט מיר דערקלערן,
מעגסט ווידער מיר ווייזן די טרעפּ,
ווי פאַלסטו אוים פלוצלונג אַראָפּ זיך צו שערן } (ביס)
אַזעלכע צוויי גילדענע צעפּ.

גיב, ביילקע, איך בעט דיך, אַ קוק נאָר אין שפּיגל,
און זאָג מיר, צי זעסטו נישט אויס
אַזוי ווי אַ טייבל מען שניידט אָפּ די פליגל, } (בים)
גלייך ווי פון שפּיטאָל וואָלסט אַרויס.

דער רוח זאָל שוין נעמען די פינצטערע מאָדע,
וואָס פּלאָגט און פאַרדרייט אייך די קעפּ.
אָט ליגן ווי מתים פאַרפאַקט אין קאָמאָדע } (בים)
אַזעלכע צוויי גילדענע צעפּ.

א מתנה מײַן טאָכטער
שפרה מיט איר חתן
הענעך שטאַמבערגער

רייזעלע



שטייט זיך דאָרט אין געסעלע
שטיל פאַרטראַכט א הייזעלע,
דרינען אויפן בוידעם-שטיבל
וווינט מיין טייער רייזעלע.
יעדן אָוונט פאַרן הייזל
דריי איך זיך אַרום,
כ׳גיב אַ פייף, און רוף אוים: רייזל,
קום, קום, קום!

עפנט זיך אַ פענצטערל,
וואַכט אויף ס׳אַלטע הייזעלע
און באַלד קלינגט אין שטילן געסל
אַ זים קול, ס׳רעדט רייזעלע:

— נאָך אַ ווײַלע וואָרט, מײַן ליבער,
באַלד וועל איך זײַן פֿרײַ,
גײ זיך נאָך אַ פּאָר מאָל איבער —
אײנס, צוויי, דרײַ!

גײ איך מיר אַ פֿרײלעכער,
זינג און קנאַק מיר ניסעלעך,
הער איך אויף די טרעפּלעך שפּרינגען
אירע דראָבנע פּיסעלעך,
שוין אַראָפּ פֿון לעצטן טרעפּל,
כ'נעם זי ליב אַרום,
כ'גיב איר שטיל אַ קוש אין קעפּל —
קום, קום, קום!

— כ'וויל דיך בעטן, דודל,
זאָלסט אַרויף נישט פֿײַפֿן מער.
— הערסט, ער פֿײַפֿט שוין, זאָגט די מאַמע,
זי איז פֿרום, ס'פֿאַרדריסט זי זייער,
פֿײַפֿן, זאָגט זי, איז נישט ייִדיש,
ס'פּאַסט נאָר בלויז פֿאַר „זײַ".
גיב אַ צייכן פּראָסט אויף ייִדיש —
אײנס, צוויי, דרײַ!

— כ'וועל פֿון הײַנט נישט פֿײַפֿן מער,
דרויף גיב איך אַ שבועהלע —
דיר צוליב וועל איך אפֿילו
ווערן פֿרום, מײַן צנועהלע,
כ'וועל זײַן ווען דו ווילסט נאָר, רייזל,
ווי דײַן מאַמע פֿרום,
יעדן שבת גײן אין קלייזל —
קום, קום, קום!

— כ'גלייב עס דיר, מײַן ליבינקער,
און דערפֿאַר דיר, דודל,

שטריק איך אַ שיין תפילין־זעקל
מיט אַ מגן־דודל,
ווען געפעלן ס׳וועט אין קלייזל,
זאָגן זאָלסטו זיי:
— ס׳האָט געשטריקט מיין ליבע רייזל —
איינס, צוויי, דריי!

— כ׳דאַנק פאַר דיין מתנהלע,
כ׳ליב אַזוי דיך, רייזעלע!
כ׳ליב דיין מאַמען, כ׳ליב דאָס געסל,
כ׳ליב דאָס אַלטע הייזעלע,
כ׳ליב די שטיינדלעך לעבן הייזל —
טרעטסט אויף זיי אַרום,
הער, דיין מאַמע רופט שוין: רייזל,
קום, קום, קום!

גיי איך מיר אַ פריילעכער,
זינג און קנאַק מיר ניסעלעך,
הער איך אויף די טרעפּלעך לויפן
אירע דראָבנע פיסעלעך —
ווידער שטייט פאַרטראַכט דאָס הייזל,
ס׳געסל ווידער שטום.
קום צו מיר אין חלום, רייזל,
קום, קום, קום!

א מתנה
מײַן ליב װײַבל בלומקע

דרײַ טעכטערלעך



װען מיט מזל, געזונט און לעבן
ס׳עלטסטע טעכטערל מיר װעלן אױסגעבן
װעל איך טאַנצן מיר האָפּ, האָפּ!
אַראָפּ אַן עול פֿון קאָפּ,
װעל איך טאַנצן, אױ, װעל איך טאַנצן —
אַראָפּ אַן עול פֿון קאָפּ.
שפּילט, קלעזמאָרים! שפּילט מיט לעבן —
ס׳ערשטע טעכטערל היינט אױסגעגעבן,
נאָך געבליבן אונדז מײדלעך צװײ,
װי האַלט מען שױן ביי זײ!

שפּילט, קלעזמאָרים, נעמט די כּלי־זײן!
זאָל די גאַנצע װעלט מיט אונדז זיך פֿרײען,
אױ, אונדזער שׂמחה װײסט נאָר אײן גאָט
און דער װאָס טעכטער האָט.

װען כ׳װעל זען שױן דאָס צװײטע מײדל
אָנגעטאָן אין װײסן חופּה־קלײדל,
װעל איך טרינקען און פֿרײלעך זײן —
אַראָפּ פֿון האַרץ אַ שטײן,
װעל איך טרינקען, אױ, װעל איך טרינקען,
אַראָפּ פֿון האַרץ אַ שטײן.

שפּילט, קלעזמאָרים, הײבט אָן שנײַדן!
ס׳צװײטע מײדל גיבן מיר אױס אין פֿרײדן,
דאָס מיזיניקל נאָך האָבן מיר,
װי האַלט מען שױן בײַ איר.
שפּילט, קלעזמאָרים, פֿאַר אונדז מחותּנים,
זאָלן אַ לעב טאָן אױך אַמאָל קבצנים,
אַ קינד אױסגעגעבן, אױ, גאָטעניו,
אַ מײדל נאָך דערצו.

ווען ביים לעצטן כ׳וועל שפּילן הערן,
וועל איך עפּעס טרויעריק שטיין און קלערן —
ס׳לעצטע טעכטערל שוין אויך אַוועק,
וואָס נאָך איז דאָ דער צוועק?
ס׳לעצטע טעכטערל, אוי, ס׳לעצטע טעכטערל,
וואָס נאָך איז דאָ דער צוועק?

שפּילט, קלעזמאָרים! באַזעצט די כלה,
צוגענומען אונדז די קינדער אַלע,
שווער געווען אונדז די טעכטער דריי
אוי, שווערער נאָך אָן זיי.
שפּילט, קלעזמאָרים, אַרוים אונדז טרערן,
ס׳לעצטע בעטל וועט היינט ליידיק ווערן,
ס׳גאַנצע שטיבל, איר קליידער־שאַנק —
אוי־וויי, ווי פּוסט און באַנג.

3טע אָפּטיילונג

הוליעט, הוליעט, קינדערלעך



שפילט, אייך ליבע קינדערלעך —

(בים) דער פרילינג שוין באגינט!

(בים) אוי ווי בין איך, קינדערלעך,
מקנא אייך אצינד.

(רעפרען) הוליעט, הוליעט, קינדערלעך,
כל-זמן איר זענט יונג,

ווייל פון פרילינג ביז צום ווינטער
איז אַ קאַצן־שפּרונג.

שפּילט אייך, ליבע קינדערלעך,
(בּיס) פֿאַרזוימט קיין אויגן־בליק.
(בּיס) { נעמט מיך אויך אַריין אין שפּיל,
פֿאַרגינט מיר אויך דאָס גליק.
(רעפרען) הוליעט, הוליעט, קינדערלעך אַזױ־וו.

קוקט נישט אויף מיין גראָען קאָפּ,
(בּיס) צי שטערט דאָס אייך אין שפּיל?
(בּיס) { מיין נשמה איז נאָך יונג,
ווי צ׳ריק מיט יאָרן פּיל.
(רעפרען) הוליעט, הוליעט, קינדערלעך אַזױ־וו.

מיין נשמה איז נאָך יונג
(בּיס) און גייט פון בענקשאַפט אוים.
(בּיס) { אַך, ווי גערן ווילט זיך איר
פון אַלטן גוף אַרוים.
(רעפרען) הוליעט, הוליעט, קינדערלעך אַזױ־וו.

שפּילט אייך, ליבע קינדערלעך,
(בּיס) פֿאַרזוימט קיין אויגן־בליק,
(בּיס) { ווייל דער פרילינג עקט זיך באַלד,
מיט אים דאָס העכסטע גליק.
(רעפרען) הוליעט, הוליעט, קינדערלעך אַזױ־וו.

קינדער־יאָרן



קינדער־יאָרן, זיסע קינדער־יאָרן,
אייביק בלייבט איר וואַך אין מיין זיכרון;
ווען איך טראַכט פון אייער צייט,
ווערט מיר אַזוי באַנג און לייד —
אוי, ווי שנעל בין איך שוין אַלט געוואָרן.

נאָך שטייט מיר דאָס שטיבל פאַר די אויגן,
וווּ איך בין געבוירן, אויפגעצויגן,
אויך מיין וויגל, זע איך דאָרט,
שטייט נאָך אויף דעם זעלבן אָרט —
ווי אַ חלום איז דאָס אַלץ פאַרפלויגן.

און מיין מאַמע, אַך, ווי כ׳פלעג זי ליבן,
כאָטש זי האָט אין חדר מיך געטריבן;
יעדער קניפּ איז פון איר האַנט

מיר נאָך אַזוי גוט באַקאַנט —
כאָטש קיין צייכן איז מיר נישט פאַרבליבן.

נאָך זע איך דיך, פייגעלע, דו שיינע,
נאָך קוש איך די רויטע בעקלעך דיינע,
דיינע אויגן פול מיט חן
דרינגען אין מיין האַרץ אַריין,
כ'האָב געמיינט, דו וועסט אַמאָל זיין מיינע.

קינדער־יאָרן, יונגע שיינע בלומען!
צ'ריק צו מיר וועט איר שוין מער נישט קומען;
יאָרן אַלטע, טרויעריקע,
קאַלטע, מרה־שחורהדיקע
האָבן אייער שיינעם פּלאַץ פאַרנומען.

קינדער־יאָרן, כ'האָב איך אָנגעווירן,
מיין געטרייע מאַמען אויך פאַרלוירן,
פון דער שטוב נישטאָ קיין פלעק,
פייגעלע איז אויך אַוועק,
אוי, ווי שנעל בין איך שוין אַלט געוואָרן.

די זון איז פאַרגאַנגען

Moderato



די זון איז פאַרגאַנגען, שוין טריבלעך געוואָרן,
כ'ליג איינזאַם, פאַראומערט ביים וואַלד
און טראַכט פון מיין יוגנט, אַך, גליקלעכע יאָרן,
אַ בענקשאַפט נאָך זיי מיך באַפאַלט.

און פּלוצלונג דערזע איך, עס ווילט זיך נישט גלויבן,
צי זאָל דאָס אַ חלום זיין בלויז,
עס קומען צו שוועבן פיל ווייסינקע טויבן
און שטעלן אַרום מיר זיך אויס.

און כ'פיל אַזוי יונג זיך, ווי ס'וואָלט מיט זיי קומען
מיין יוגנט צוריק פון דאָס ניי,
און כ'הער ווי די טייבעלעך וואָרקען און ברומען,
כ'פאַרנעם אָט די ווערטער פון זיי:

— דו האָסט פאַר אַ ווייל אונדז דערמאַנט אין זיכרון,
דערקענסט אונדז? קוק איין זיך גענוי,
דאָס זענען מיר דיינע פאַרגאַנגענע יאָרן,
נאָך וועלכע דיר בענקט זיך אַזוי.

מיר האָבן דעם רוף פון דיין הארצן פאַרנומען,
דיין אומעט, דיין בענקען אָן שיעור,
נו, זענען מיר טייבעלעך ווידער געקומען
און בלייבן שוין אייביק מיט דיר.

איך שטרעק מיינע הענט אויס און גיב זיי אָפּ שלום,
ביסט יונג, הער איך וואָרקען אין וואַלד —
און פלוצלונג דערוואַך איך, געווען בלויז אַ חלום,
כ׳ליג איינזאַם, פאַראומערט און אַלט.

נאָך א גלעזעלע טיי

(ורעט)

Moderato



בערעלע, מיין ליבינקער,
כ'האָב צו דיר אַ בקשה,
— פערעלע, מיין ליבינקע,
וואָס איז דיין בקשה?
— ווען מיט מזל איך וועל האָבן
אַ ייִנגעלע אין פריידן,
וויל איך אונדזער קינד זאָל הייסן } (בּיס)
נאָך מיין פרומען זיידן.

— פאַרוואָס עפּעס נאָך דיין זיידן?
כ'האָב דאָך אויך אַ דעה,
(בים) האָסט דאָך ערשט געהאַט אַ מיידל
נאָך דיין באָבע לאה.

— בערעלע, מיין מאַנעלע,
כ'וויל דיך עפּעס דערמאָנען —
— פערעלע, מיין ווייבעלע,
וואָס ווילסטו מיך דערמאָנען?
— דו פאַרגעסט, אַז אונדזער לייבקע
הייסט שוין נאָך דיין זיידן,
(בים) פאַרוואָס קלויבסטו זיך די יונגען,
וואַרפסט מיר צו די מיידן?

— און דו פאַרגעסט, אַז נאָך דיין טאַטן
הייסט דאָך אונדזער נחום,
(בים) ער איז דערפאַר אין אים געראָטן —
נישט קיין גרויסער חכם.

— בערעלע, מיין טייערער,
כ'וויל דיר עפּעס זאָגן —
— פערעלע, מיין טייערע,
וואָס ווילסטו מיר זאָגן?
— וואָס-זשע דאַרף מען איצט זיך קריגן,
לאָמיר נאָר דערלעבן,
(בים) וועל איך דווקא נאָך מיין זיידן
ס'קינד אַ נאָמען געבן.

— וואָס-זשע טאַקע איצט זיך קריגן
און אומזיסט צו ריידן,
(בים) אפשר וועט גאָר זיין אַ צווילינג —
ס'קען גאָר זיין צוויי מיידן.

משהלע, מײַן פֿרײַנד



וואָס מאַכסטו עפּעס, משהלע?
כ'דערקען דיך נאָך אָן בליק,
דו ביסט געווען מיין חבר
מיט יאָרן פיל צוריק,
און אויך אין חדר האָבן מיר
געלערנט לאַנג באַנאַנד,
אַט שטייט פאַר מיר דער רבי נאָך,
דער קאַנטשיק אין זיין האַנט.

(רעפרען) אוי, ווו נעמט מען צוריק די יאָרן,
יענע שיינע צייט,
אוי, דאָס יונגע שיינע לעבן
איז פון אונדז שוין ווייט,
אוי, ווי נעמט מען צוריק די יאָרן,
משהלע, מיין פריינד,
אוי, נאָך יענעם בייזן רבין
בענקט דאָס האַרץ נאָך היינט.

וואָס מאַכסטו, זאָג מיין חבר?
דיין שמייכעלע אַצינד
דערמאָנט מיך דיין עקשנותדיקייט
נאָך זייענדיק אַ קינד,
דער רבי שמייסט אין דיר אַריין,
ביסט אויפגערעגט און בלאַס,
נאָר אים להכעיס שמייכלסטו,
דער רבי שפּרינגט פון כעס.

(רעפרען) אוי, ווו נעמט מען צוריק די יאָרן...
(ביז „משהלע, מיין פריינד“)
אוי, נאָך יענע שמיץ פון רבין
בענקט דאָס האַרץ נאָך היינט.

וואָס מאַכט דיין שוועסטער רחלע?
ווי כ'וואָלט זי איצט געזען,
זי איז אַמאָל, געדענקסטו נאָך,

מיר נאָענט צום האַרץ געווען,
נאָר זי געליבט האָט בערעלען,
געהאַסט מיך אָן שום גרונט,
געבליבן איז אין האַרצן לאַנג
אַ נישט-פאַרהיילטע וווּנד.

(רעפרען) אוי, ווו נעמט מען צוריק די יאָרן...
(ביז „משהלע, מיין פריינד")
אוי, נאָך יענער שיינער רחלע
בענקט דאָס האַרץ נאָך היינט.

ווי גייט עס עפּעס בערעלען,
אַברהמעלע וואָס מאַכט?
און זאַלמעלע און יאָסעלע?
זייער אָפט פון אייך געטראַכט,
געחלומט פון אייך, קינדערלעך,
געזען זיך אין דער מיט,
געוואָרן אַלטע יידעלעך —
ווי שנעל דאָס לעבן פליט.

(רעפרען) אוי, ווו נעמט מען צוריק די יאָרן...
(ביז „משהלע, מיין פריינד")
אוי, נאָך יענע יונגע ליידן
בענקט דאָס האַרץ נאָך היינט.

דאָס אַלטע פּאָר פאָלק



חיה, מיין ווייבל, דו שלאָפסט?
— איך שלאָף נישט, מיך נעמט נישט קיין שלאָף,
דער זייגער אין דרויסן שלאָגט צוויי אין דער נאַכט,
און איך האָב ביז איצט נאָך קיין אויג נישט פאַרמאַכט,
כ׳לייד איובס יסורים, ס׳נעמט גאָרנישט קיין סוף,
און איך האָב ביז איצט נאָך קיין אויג נישט פאַרמאַכט,
(בים) די עלטער, אוי, איז אַ גאָטס-שטראָף.

— חיימל, זאָג מיר, דו שלאָפסט?
— איך שלאָף נישט, ס'איז, חיה, זייער מיאוס,
מיך שטעכן די זייטן, עס מוטשעט דער הוסט,
און שווער; ווי אַ צענטן אָט דאָ אויף דער ברוסט,
דאָס וועטער וועט, חיהלע, מאָרגן זיין מיאוס,
(בים) מיך רייסן די הענט און די פיס.

— חיהלע זאָג מיר, דו שלאָפסט?
— איך שלאָף נישט, דערמאָנט זיך אָן זיי,
פון יאָסלען איז לאַנג שוין קיין בריוול געווען,
און שיינדל — גאָט ווייסט וואָס מיט איר איז געשען,
פון אַלע פיר קינדער געבליבן מיר צוויי,
(בים) געהאַט אַמאָל נחת פון זיי.

— חיימל, זאָג מיר, דו שלאָפסט?
— איך שלאָף נישט, אויך איך פון זיי טראַכט,
היינט חנהלעס בעט אויפן בוידעם געזען,
אַמאָל איז דאָס בעטל אונדז נוצלעך געווען,
אויך יאַנקעלעס וויגל, מיר האָט זיך געדאַכט,
(בים) איך זע אים, איך הער ווי ער לאַכט.

— חיהלע זאָג מיר, דו שלאָפסט?
— געדרימלט, געחלומט פון זיי,
אין שטוב אַלע קינדער, איך בעט זיך ביי זיי:
אוי, קינדערלעך, שרייט נישט, דער קאָפּ טוט מיר וויי!
נאָר באַלד איז דער זיסינקער חלום פאַרביי —
(בים) אוי, ס'בענקט זיך נאָך יענעם געשריי.

— חיימל, טוסט זיך שוין אָן?
— יאָ, ס'טאָגט שוין, עס קרייט שוין דער האָן,
געלויבט דער אין הימל, געפּאַטערט אַ נאַכט,
געדרייט זיך פון ווייטיק, קיין אויג נישט פאַרמאַכט.
נאָר באַלד, מיין ליב חיהלע, ברענגט אונדז דער סוף
(בים) דעם שטילן, דעם אייביקן שלאָף.

העי, קלעזמאָרים



העי, קלעזמאָרים, גוטע-ברידער!
איר באַקומט פון מיר אויף וויין —
(בים) שפּילט מיר אויף אַ פריילעך לידל,
שלעפּט מיין מרה-שחורה איין.

טרויעריק איז מיר אויפן האַרצן,
כ׳פיל, דאָרט עפּעס נאַגט און קוועלט;
(בים) ס׳בענקט נאָך עפּעס מיין נשמה
און איך ווייס נישט וואָס מיר פעלט.

שפּילט, פאַרוויגט מיט אייערע טענער
מיר דעם אומעט אין מיין האַרץ,
(בים) ווי מיין מאַמע פלעגט פאַרוויגן
מיט אַ לידעלע מיין שמערץ.

שפּילט מיר אויף אַ פריילעך לידל —
עפּעס שפּילט איר טרויעריק היינט;
(ביס) ס'וויינט דאָס פליטל, ס'וויינט דער פידל —
אַלץ ארום מיר עפּעס וויינט.

העי, קלעזמאָרים, גוטע-ברידער!
איר באַקומט פון מיר אויף וויין —
(ביס) שפּילט מיר אויף אַ פריילעך לידל,
שלעפּט מיין מרה-שחורה איין.

4טע אָפּטײלונג

חלוצים־ליבע



צי קענסטו מיר, צפורקע, פאַרטרויען דעם סוד —
כ'וועל קיינעם נישט זאָגן, איך שווער דיר ביי גאָט —
צי האָסטו זיך באַנוצט מיט אַ כישוף־געטראַנק?
איך גיי אוים פון ליבע, כ'בין דול שוין, כ'בין קראַנק. } (ביס)

איך זע דיך אין חלום, איך זע דיך ווען כ'וואַך,
ביינאַכט אין דער קבוצה, ווען כ'שטיי אויף דער וואַך,
אין פעלד מיט חלוצים, ווען כ'אַקער און זיי,
אַט וואַקסט אוים צפורקע און איך זיך דערפריי. } (ביס)

צי האָט מיך פאַרכישופט, צפורקע, דו מיין
דיין זיסינקער שמייכל פול יידישער חן,
צי גאָר דיינע שוואַרצינקע אייגעלעך צוויי,
אַ שטאָלצע חלוצה אַרוים קוקט פון זיי. } (ביס)

צי ווען איך פאַרטראַכט זיך, ווי מוטיק דו האָסט
דיין מאַמען, דיין היימיש ליב שטעטל פאַרלאָזט,
ווי יעטוועדעס שטיינדל דיין קינדהייט דערמאָנט, } (בים)
געקומען אַהער צו אויפבויען דאָס לאַנד.

און אפשר, צפורקע, ווען כ׳זע דיך פאַרטראַכט,
געפייניקט פון בענקשאַפט, פון הונגער פאַרשמאַכט,
פאַרברענט פון מאַלאַריע, ליגסט איינזאַם אין שטוב } (בים)
און ליידסט מיט עקשנות און נעמסט אַלץ פאַר ליב.

איך בעט דיך, צפורקע, פאַרטרוי מיר דעם סוד —
כ׳וועל קיינעם נישט זאָגן, איך שווער דיר ביי גאָט —
צי האָסטו זיך באַנוצט מיט אַ כישוף-געטראַנק? } (בים)
איך גיי אוים פון ליבע, כ׳בין דול שוין, כ׳בין קראַנק.

חנהלע און נחומל

(ד ר ע ט)



— חנהלע, מיין לעבן, חנהלע, דו מיין
כ׳וויל דו זאָלסט דאָס רעטעניש
(בים) מיר געבן צו פאַרשטיין —
ווען דו קומסט מיר אויפן זינען,
מעגן רוישן די מאַשינען,
מעג דאָס ביגלאייזן ווערן קאַלט,
האָב איך אַזוי ליב און גערן
שעהן לאַנג פון דיר צו קלערן,
(בים) כ׳זע פאַר מיר דיין טייער ליב געשטאַלט.

— נחומל, מיין לעבן, נחומל, דו מיין,
איך וועל באַלד דאָס רעטעניש
(בים) דיר געבן צו פאַרשטיין:
דאָס באַווייזט דו האָסט מיך גערן,
דאָך ביים נייען פון מיר קלערן,
דאָס וועט נישט קיין טובה זיין פאַר מיר,
ווען פאַרנעמען כ׳וועל דיין זינען,
וועסטו קוים אויף ברויט פאַרדינען,
(בים) און איך וועל דאַן הונגערן ביי דיר.

— חנהלע, מיין לעבן, חנהלע, דו מיין,
וואָס איז פאַר אַן ענטפער,
(בים) איך קען דיך נישט פאַרשטיין:
כ׳רעד פון ליבע, מיטן דרינען
קומסטו וועגן ברויט פאַרדינען,
אויב דו שרעקסט אַזוי זיך פאַר דער נויט,
וועל איך קויפן צוויי מאַשינען,
דו וועסט העלפן מיר פאַרדינען
(בים) און זיי זיכער, ס׳וועט זיין תמיד ברויט.

— נחומל, מיין לעבן, נחומל, דו מיין,
האָסט זיך איצט באַקומען,
(בים) איך קען דיך שוין פאַרשטיין —
וועסט ביי מיר דאָס נישט אויספירן,
כ׳וויל ביי דיר זיך נישט רואינירן,

שוין גענוג געפּלאָגט זיך און געניים!
כ׳זויל פּאַסטריגעס מער נישט ציען,
יונגערהייט ביי דיר פאַרבליען,
(בים) איך וויל לעבן און געניסן פרייד.

— חנהלע, מיין לעבן, חנהלע, דו מיין,
(בים) { האָסט איצינד שוין טענות,
וואָס וועט דערנאָכן זיין —
געלט, נאָר געלט וועסטו באַגערן
און דאָס לעבן מיר צעשטערן,
ווען פאַרדינען כ׳וועל נישט אַזוי פיל
דאָ אַ הוט און דאָ אויף קליידער —
און איך בין דאָך נאָר אַ שניידער,
(בים) כ׳זע אַרום ס׳וועט זיין אַ טרויעריק שפּיל.

— נחומל, מיין לעבן, נחומל, דו מיין,
(בים) { ביסט געווען מיין חתן,
מיין מאַן וועסטו נישט זיין.

טרילי טרילילי



זיצט אַ פייגעלע אויף אַ ביימעלע,
(בים) אַ הארבסט-ווינטל בלאָזט אין פעלד, —
(בים) ווייט אַוועק איז מיר מיין חתן שלמהלע,
זוכן אַרבעט אין דער וועלט —
(רעפרען) טרילי, טרילילי, אַ געזאַנג
שיקט דאָס פייגעלע אַראָפּ צו מיר,
אוי! טרילי, טרילילי, אוי, ווי באַנג
איז אונדז ביידע, מיר און דיר.

זינגט דאָס פייגעלע אַ קלאָג־לידעלע,
(בים) ערגעץ שטאַרבט אין פעלד אַ בלום,
(בים) { געהאַט פון שלמהלען אַ טרויעריק בריוועלע —
נויט און עלנד אומעטום.

(רעפרען) טרילי, טרילילי, אאַז״וו.

זינגט דאָס פייגעלע, אַך, פון גרינעם גראָז,
(בים) בינטעלעך שוין טרוקן היי,
(בים) { ס׳גייען אַרבעטער אַרום דאָרט אַרבעטלאָז,
שלמהלע אויך צווישן זיי.

(רעפרען) טרילי, טרילילי, אאַז״וו.

זינגט דאָס פייגעלע, וויי, פון ביימעלע,
(בים) בלעטלעך רייסט דער ווינט מיט כעס,
(בים) { מחנות אַרבעטער און אויך מיין שלמהלע
הונגערן אין מיטן גאַס.

(רעפרען) טרילי, טרילילי, אאַז״וו.
פלי, מיין פייגעלע, טייער בריאהלע!

(בים) איבער ימען, ווייט און ברייט,
(בים) { ברענג פון שלמהלען אַ גוט ידיעהלע
און דערצייל אים, ווי איך לייד.
(רעפרען) טרילי, טרילילי, אַ געזאַנג

שיקט דאָס פייגעלע אַראָפּ צו מיר,
אוי, טרילי, טרילילי, אוי, ווי באַנג
איז מיר, שלמהלע, אָן דיר.

בלומקע, מײַן זשידוווקע

(ד ר ע ט)



בלומקע, מיין זשידוווקע,
אך, זיי פון גאָט געזעגנט,
האָסט אפשר מיינע ציגעלעך } (בים)
ערגעץ ווו באגעגנט? }
— כ'האָב זיי, ליבער סטאַכו,
אין ערגעץ נישט געטראָפן,
אוי, וועט היינט דיין בייזער טאַטקע } (בים)
דיך דערפאַר באַשטראָפן. }

— געחלומט פון דיר, סערצע,
געזעץ אין פעלד דיך ליגן,
(בים) { פלוצלונג קוק איך, אך, ווו זענען
מיינע ווייסע ציגן?
—אפשר, ליבער סטאַכו,
ס׳איז אַנדערש נישט צו קלערן,
(בים) { זענען זיי אין וואַלד פאַרקראָכן —
אוי, דאָרט ווינען בערן!

— באַזשע! אך, מיין בלומקע,
וואָס זאָל איך איצט באַגינען,
(בים) { נישט געהיטן מיינע ציגעלעך,
דיך געהאַט אין זינען.
— זיי קיין נאַר, מיין סטאַכו,
נישט דיר באַשערט איז בלומקע,
(בים) { ליבער, נעם אַרוים דיין פייפל,
שפיל מיר אויך אַ דומקע.

— כ׳וועל מיין טאַטנס קרוווקע
און אַלץ וואָס כ׳האָב פאַרקויפן,
(בים) { לאָמיר ביידע, שיינע בלומקע,
ערגעץ וויט אַנטלויפן.
— זיי קיין נאַר, מיין סטאַכו,
אוי, נישט פאַרקויף די קרוווקע!
(בים) { זוך דיר אויף אין דאָרף אַ גויקע —
איך בין אַ זשידוווקע!

רויטלעך שוין דער הימל,
די זון פאַרגייט פּאַוואָליע,
(בים) { אך, ווו זענט איר, מיינע ציגעלעך,
קומט באַווײנט מיין דאָליע.

אונדזער שטעטל ברענט



ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רייסן, ברעכן און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די ווילדע פלאַמען,
אַלץ אַרום שוין ברענט.

און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
ס׳האָבן שוין די פייער־צונגען
דאָס גאַנצע שטעטל איינגעשלונגען —
און די בייזע ווינטן הוזשען,
אונדזער שטעטל ברענט!

און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, עס קען חלילה קומען דער מאָמענט:
אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאַמען
זאָל אויף אַש אַוועק אין פלאַמען,
בלייבן זאָל — ווי נאָך אַ שלאַכט,
נאָר פּוסטע, שוואַרצע ווענט!

און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
די הילף איז נאָר אין אייך אַליין געווענדט.
נעמט די כלים, לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט,
באַווייזט, אַז איר דאָס קענט.

שטייט ניט, ברידער, אַט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט.
שטייט ניט, ברידער, לעשט דאָס פייער —
אונדזער שטעטל ברענט!

אינהאַלט

פאָרוואָרט צו דער ערשטער אויפלאַגע — 5
און ס'איז געווען אַ ייד אַ פשוטער... — 7

1טע אָפּטיילונג:
יאַנקעלע — 11
שלאָף שוין, מיין קינד — 13
הונגעריק דיין קעצעלע — 15
מאַטעלע — 17
מיין טאַטע אַ כוהן — 20
משהלע — 22
קיוועלע — 24
אברהמעלע און יאָסעלע — 26
קאַרטאָפּל־זופּ מיט שוואָמען — 28
ווער דער ערשטער וועט לאַכן — 32
אַ מלאך ווערט געבוירן — 35

2טע אָפּטיילונג:
העי, ציגעלעך — 39
כ'וויל נישט אַזאַ חתן — 40
ביים טייכעלע — 42
אַזעלכע צוויי גאָלדענע צעפּ — 44
רייזעלע — 46
דריי טעכטערלעך — 50

3טע אָפּטיילונג:
הוליעט, הוליעט, קינדערלעך — 55
קינדער־יאָרן — 57
די זון איז פאַרגאַנגען — 59
נאָך אַ גלעזעלע טיי — 61
משהלע, מיין פריינד — 64
דאָס אַלטע פּאָרפאָלק — 67
העי, קלעזמאָרים — 69

4טע אָפּטיילונג:
חלוצים־ליבע — 73
חנהלע און נחומל — 76
טרילי טרילילי — 79
בלומקע, מיין זשידוווקע — 81
אונדזער שטעטל ברענט — 83

Este libro se terminó de imprimir el día 13 de diciembre de 1954, en TALL. GRÁF. JULIO KAUFMAN, S. R. L., Av. Corrientes 1976, Bs. Aires - Argentina